STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03077

MEYDLSHE GEZANGEN

Sarah Kindman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה קינדמאַן

לידער

PRINTED IN POLAND /

MAJDLSZE GEZANGEN /

Biblioteka Jaczkowskiego,
Warszawa, Twarda 8 /

געזעצט: ה. גרינבערג,
נאָוואָליפּיע 30, טעל. 23-239

Druk. „DI WELT“, Nowolipie 7

געלויטערטע שעהן

ש ט י מ ו ב ג ע ן

מיין וויג=ליד

אויסגעחלומט, אויסהאליובעט,
שליס איך שטיל די אויגן צו —
איינגעוויגט און איינגעשלאָפן,
ליו-ליו — איי ליו-ליו.

ס'איז ניט דער מאַמעס פריידן-ליד,
וואָס טוליעט איין איר קינד אין וויג —
אַ מיידל שלעפערט איין און וויגט
איר ערשטער ליבעס לעצטע גליק.

בובאַן

אין ליבשאַפט

צו דיר

פאַר אַלע שיינע נעכט און טעג,
פאַר אַלע שטראַלן פון דיין בליק,
וואָס באַלייכטן מיר דעם וועג —
צו דיר מיין דאַנק.

צו יענער רגע, ווען באַגעגנט
איך האָב דיך, מיין גליק —
מיין אייביק שטיל געזאַנג

און אז דאָס גליק זאָל מיך באַגלייטן
אויף אַלע שטעגן, וווּ איך טרעט —
צו גאָט מיין איינציק-הייס געבעט
און אויך צו דיר, מיין גליק.

ל יי ט ע ר מ י ך

לייטער, לייטער און דערלייטער מיין נשמה
צו דער ריינקייט פון דער טרער,
וואָס זידט אין אויג ביי מיר,
ווען איך מורמל שטיל מיין תפילה,
בעטנדיק צו גאָט פאַר דיר.

אין דיין בליק

אין שטראַל פון דיין בליק
גלי איך מיין נשמה,
ווערט זי געלויטערט
און לייכטער ווי פריר —
אויף געלויטערטע פעלזן
קלעטערט מיין נשמה,
פון דאָרט צו דערגרייכן
די הויכקייט צו דיר.

אין לבנה־ליכט

אין לבנהס בלאסקייט
דערקען איך דיין געזיכט,
שטראַמט אַ ברכה אין מיין האַרצן
פון איר מילדן ליכט.

צויבערט אויס די נאַכט אַ מעשה
פאַר מיין מיידלשן געדיכט,
רוט דאָס גליק ביי מיר און דיר
און אויף לבנהס בלאָס געזיכט.

(טעקסט)

מיין נאַכטיקע תּפֿילה

דורך נעכט־לאַנגע תּפֿילות
דערפֿיל איך מיין גאָט.
ווערט לייכט מיין געמיט —
אַ טויב אַ ווייסע, וואָס פֿלאַטערט אין רוים פֿון
ליטערקייט —
טראָגט זיך אין בלוילעכן שיין פֿון פֿאַרגעסן
מיין נאַכטיק געבעט.

דערווייטער זיך אַצינד,
באַשערטער —
און זאָל אין פֿאַרגעסנקייט
קומען מיין רו — —
סיי ווי בעט איך גאָט פֿאַר דיר יעטוועדע רגע,
און מיין איינציקע תּפֿילה, באַשערטער,
ביסטו.

קרישמע

גאָט פון באַגינען און לייגן און אויפשטיין!
אויף פליגל פון שלומער פאַרוויג מיך, פאַרוויג,
שיק גרוסן פון ליבסטן און טרוימען פון וואַרהייט,
וועט גאָלדיק זיך וועקן צום אויפשטאַנד מיין גליק.

בענטש אויך דאָס ווינקל, ווו מיין באַשערטער
רוט אונטער שוץ פון דיין גנאָדפולן בליק,
און אויב ער פאַרבלאָנזשעט אויף דאָרניקע וועגן,
ברענג אים בשלום מיר ווידער צוריק.

ווייסער טרויער

איך האָב דערקענט

און האָט אַ קינדיש־לייכטע זינד
די פרייד ביי דיר אין בליק פאַרצוקט. —
כ׳האָב ניט געפאָרשט און ניט געפרעגט,
נאָר אין דיין זינדיק אויג געקוקט.
און פון דיין בלויען אויגן־קוואַל
האָט חרטה זיך צעטרערט — —

נאָר איך זיך דען, ווען איך גלויב,
אַז זינדיקן וועסטו ניט מער?

(מנק)

גליקזעליקייט

דערעסן ווערן לאַסקעס
אין טריישאַפּט אָפּגעהיט —
אויפגעשטאַנען איז מיין ליבסטער
פון צערטלעכקייטן מיד.

פּאַק איך איין דעם וואַנדער־זאַק,
וואַש זיין העמד. אַליין געניית,
און באַגלייט אים ווייט אַרויס
ניט פרעגנדיק וווהין ער גייט.

צוריקגעקערט אין ליידיק הויז,
קני איך ביים פאַרלאָזטן בעט
און שעפּ אין זיך דערלייטערונג
און זעליקייט אין פולער זעט.

(צוועלף)

אין דערוואַרטונג

טו אָן דיין יום־טוב־קלייד
און שטעל זיך ביי דעם פענסטער
און שפּרייט דיין גאַרענדיקן בליק
אויף אַלע וועג און שטעגן —
ווייסט זען אין יעדן אָנקומער
דעם שאָטן פון דיין ליבסטן,
פון יעדן גייערס טריט
וועט קלינגען דיר זיין גרוס.

און קומט אַ פרעמדער נאָנט צו דיר.
וועט דיין בליק אים ווייטער טרייבן —
און דו וועסט אַלץ אין יום־טוב־קלייד
מיט דיין ליבסטנס שאָטן בלייבן — —
און וועסט ביים פענסטער דאַנקען גאָט
פאַרן שטילן ברויזן גליק
פון דיין גלויבן און דיין האָפן
אין ליכטיקער דערוואַרטונגס־פרייד.

אליין

אויפגערוימט דאָס עלנד שטיבל,
ברענג איך ווײַן און בלומען,
גרייט דעם טיש פאַר צוויי —
אפשר וועט ער קומען?

געוואַרט אַ טאָג, געוואַרט שוין צוויי
אין שטיבל אויסגעצירט,
עס וויאַנען שוין די בלומען —
זיין כוס איז אַלץ נאָך ניט באַרירט — —

שטעל איך זיך אויפן ברייטן שייד-וועג
מיט מיין קויבער שפייז און ווײַן,
באַגריס אַ יעדערן פאַרבייגייער,
ווער ער זאָל ניט זיין — —

און קומט ניט קיינער אין מיין שטוב —
פאַרבעט איך שכנס קראַנקן הונט
און טייל מיט אים מיין ברויט און ווײַן
און ביטערקייט פון טיפער וונד.

(פּערצן)

מיט אָפענע אויגן

ניט קיין פרייד און ניט קיין רו —
אויסגעטרוימטער מיינער דו!
פאַרוואָס? פאַרוואָס דאָס גליק פון צוויי
אַזוי צעשטערט?

צו דיר געבוקט זיך
און דיין וואָרט ווי אַ געבאָט געהערט —

ווי מיר, ווי...
איך האָב אין בלינדער געצעריי
אַן אָפגאָט — ניט קיין גאָט פאַרערט.

(1919)

אַ ש

אַ געפּרעסטע בלום, פאַרטריקנט,
און אַ בילד געבלייכט פון צייט,
אַ פאַרגעלט־צעריבן בריוול
דערציילט פון אָפּגעוועלקטער פרייד — —
וויפל טרוימען נישט דערטרוימטע,
וויפל האָפנונגען פאַרזוימטע...

אין דער בלום נאָך ברענט דיין אָטעם,
אין דעם בילד דיין בליק,
און פון בריוולס טויטע צייכנס
זינגט דאָס אַלטע גליק — —

שטיי איך, גלייך אַ נשרף, ביי פאַרברענטע פריידן
און וועל שוין פון דעם הויפן אַש קיינמאָל זיך ניט שיידן

איך האָב געוואַרט

מיט ציטיקע זאַנגען פון כרוים און פאַרלאַנגען
האָב איך געוואַרט ביז די נאַכט איז פאַרגאַנגען.

אויף גרוי-ווייסן הימל איז מאָרגן געקומען —
און מיר איז געבליבן:
נאָר בלאַסקייט פון שטערן און טויען-פאַרטרערן אויף
מאָגערע זאַנגען —
דאָס געניאַרטע באַגערן צו הימלען צו זיבן.

טאָג נאָך טאָג

יעדער טאָג אַ מילב אין פלעכטן
פון פאַפירנער לעבנס־קייט,
ווערט מילביק קראַנק איעדער היינט
און שטאַרבט ביי קבורה פונם נעכטן.

טוט ניט באַנג נאָך נעכטנס פרייד
און ניט דער היינט פאַרשאַפט מיר זאָרגן—
אַ שאָד נאָר יענעם גרויסן מאָרגן,
וואָס דאַרף איצט אָפּבייטן דעם היינט...

[illegible]

מיין אָרים, אָרים האַרץ

פאַרשלאָסן זיך אין קעמערל,
מאַך איך „שלום“ מיט דיר — לעבן:
פון זונען־גאָלד ביז ווינטן־שטויב —
פאַר אַלץ אַ דאַנק, וואָס ווערסט מיר געבן.

ווער איך איצט „צופרידן“ זיין
און קיינמאָל מער זיך ניט באַקלאָגן — —
ווער ווייסט נאָר וואָס מיין אָרים האַרץ
וועט דערצו נאָך זאָגן?

אין פאָלקס-טאָן

מײן מאַמע לאַהטשען.

שפּילן זיך קינדער מיט שיסעלאַך; טעפּעלאַך —
קינדער באַגליקטע,
שפּילן די גרויסע מיט מענטשלאַכע הערצער,
אין פלאַמען פאַרוויגטע.

צעברעכן די קינדער אַ שיסאַלע, אַ טעפּל —
פאַרדראָט מען צוריק,
נאָר הערצער פאַרשוועכטע פאַרבלייבן ווי שאַרבנס —
אויף אײביק אין שטיק.

(פּראָווינצאַנציס)

ווי גוט צו פֿאַרגעסן

ווערעמלאַך, פֿייגעלאַך, שטערנדלאַך מיין!
ווי גוט איז: ניט וויסן — און גליקלאַך צו זיין
ווי ווייל איז אין וועלטנס צעחלומטן שיין —
ווערעמלאַך, פֿייגעלאַך, שטערנדלאַך מיין!

אייטלע שטראַלן פֿון אונזער באַשטיין!
ווי ווייל איז דער דרימל אין חלום אַריין,
ווי גוט צו פֿאַרגעסן אָן אונזער פֿאַרגיין,
געפּייניקטע טרויבען — פוכטקייט דו מיין!

ווינטער

וואַליאַ-גאַלאָפּ, וואַליאַ-גאַלאָפּ,
לויפן פערדלאך פלי און האָפּ —
קלינגט דאָס גלעקל
קלינג און קלאַנג,
און אין האַרצן
אַזוי באַנג, באַנג...

שנעלער, שנעלן
דער שליטן שווימט אויף ווייסער וועל —
איבער פעלדער
שניי — שניי,
און אין האַרצן
אַזוי וויי, וויי...

בײ א װאַסער

זיץ איך אײנזאַם בײ אַ װאַסער
און זע: אַ בלודנע שיף
קעמפט מיט שטורעמדיקע װעלן — —
אַ װעל אויף װעל — װער װײסט װי טיף?

בין איך דען אויך אויף לעבנס װאַנדער
אַ קעמפנדיקע בלודנע שיף
און טראַט נאָך טראַט — אַ װעל װאָס שטורעמט
און שנײדט דאָס האַרץ מיר אַזוי טיף?

([illegible])

עס ווייגט דער ווינט

ווייגט עס אין דעם יאָמער-ווינט
אַ הארץ, חרטה-פול נאָך זינד,
צי די גסיסה פון אַ קינד
פאַר ניט-דערגרייכטע זינד?

און אפשר ווייגט דאָס מיין נשמה
אין יאָמערדיקן ווינטן-שפּיל
און בלאָנקעט אום, אַזוי ווי ער,
זוכנדיק איר ציל?

מײנע טרוימען

מײנע טרוימען —
קראַנקע קינדער
בײ מוטערס אויסגעצוימטער ברוסט.

מײנע טרוימען —
תאוות ווילדע,
פײַניקער פון פרעמדער לוסט.

מײנע טרוימען —
ווײסע שוואַנען,
שווימענדיק אויף קלאָרן טײך.

און ווײל אַ קינד אין ווײסע תאוות —
טרוימען מײנע,
האָב איך אײך.

מיין נישט דערזונגען ליד

אין שיינקייט פון מיין אויסגעטרוימטן פאלאץ,
אין באשנייטע טורעמס פון לעגענדע,
אין קלארן, שטילן טייך
און אין ווילדן וואסער-פאל
שוועבט ארום א זינגענדיקס
מיין נישט דערזונגען ליד.

און טאג נאך טאג
און נאכט נאך נאכט
מיינע בענקנדיקע הענט זיך ציען
צו דיר, מיין נישט דערזונגען ליד!

און אויף מיין בענקשאפט ענטפערט נאר דער וואיענ-
דיקער ווינט:
מיד... מיד... מיד...

ווידער־קול

פון פעלז צו פעלז, פון שפּיץ צו שפּיץ
ווי מעכטיק קלינגט, ווי מעכטיק קלינגט!
איז דאָס דער סוף פון לאַנגן ליד,
וואָס זינגט אין מיר און נישט דערזינגט?

אַ ניט־דערזינגט, פאַרפּייניקט ליד,
וואָס שטאַרבט אין אַלץ, וואָס איך דערהאָף!
מיט יעדן אויפגעוואַכטן קלאַנג
איז ווייטער, ווייטער אַלץ דער סוף...

(אײנאונדדרײסיק)

דער סוד פון דער זי

איך בין די זי

צעברויזטע מיינע אָדערן
מיט בליטן פון דער זי — —
לעכצט און גאַרט
באַגערנדיק
די זי —
די זי צום ער.

דורך מיינע פּאָרען רייסן זיך
די דורות נישט-געבוירענע
פון אויפגעברויזטן בלוט
אין גאַרנדיקער זי. —

דער קיום אייביק-אייביקער
פון ניט-געשטילטן בלוט,
דער דורות-לאַנגער סוד,
וואָס אנטפּלעקט זיך אין דער זי —
מוטער און זי.

ווען איך זינדיק

ווען אַ מידע איך בלאָנדזשע דורך גאַסן
און מיין אייגענער אָטעם איז שווער,
ווען אומעט פילט אָן מיין האַרץ
און מיין לעבן, דער תהום,
ווערט אַזוי אומגעריכט לער —

דעמאָלט קום צו מיר, דו ערן

מעגסט זיין סיי ווער דו ביסט, סיי ווער,
נאָר שטאַרק זאָלסטו זיין
און תאוהדיק וואָס מער.

גראָב ווילד דיינע ציין אין מיין לעכצנדער ברוסט
און אָטעם דאָס בלוט פון דער טריפנדער וווּנד —
קלאַמער מיך איין אין דיין גלידער-געפלעכט,
פאַרשלינג מיך אין דיין געראַנגל פון לוסט —
ביז איך, אַ פאַרחלשטע, וועל בויגן דעם קאָפּ
און זיך בעטן:
לאָז אָפּ מיך, אַ לאָז מיך שוין אָפּ.

(זעקסאונדרייסיק)

און פארשטיקט וועט איבער מיר פראכן
דיין אָטעם, וואָס קורץ איז און הייס,
דיין פייער וועט אונז ביידע פארצערן
און שמידן אונז ביידע אין איינס,
ביז איך דו שוין אַ מידער,
אַ מידער,
וועסט לאָזן זינקען דיין קאָפּ.

באלד אָבער זאָלסטו פארשווינדן,
מיטזינדער אין מיינע זינד,
דו מיטזינדער אין מיינע זינדן!

איך זינדיק נישט,
ווען מיין נשמה אין פרייד
און מיין לייב אין תאווה צעגליט — —
דעמאָלט זיך איך פארחלומט אין זייער אייביקן ליד
און וואַרט נאָר
און וואַרט.

אין שפּעטער שעה

מײנע אָרעמס זיך האָבן געשפּרײט
אין געוועבן פון תאוה־פאַרלאַנגען —
האָסט געהײסן מיר וואַרטן פאַר זיך,
און ביסט צון אַ צווײטער געגאַנגען.

האָט געקנײטשט זיך מײן נאַכטיק־געוואַנד
ווי דער ווײ פון מײן מײדלשער גיר,
ביז כ׳האָב מיט פאַרחלשטע הענט
כאַ־שלאָסן די פענסטער און טיר.

ווײס איך ניט: ווען, ווי אַזוי
איז אַ צווײטער געלעגן בײ מיר, —
איצט וועט ער פאַרחלשט שוין וואַרטן
ווי איך פלעג דאָס וואַרטן פאַר דיר...

(עכסאונדר״סיט)

מיידל־מוטער

ניט דורך זנות און נישט אין זינד
האָב איך דעם מאַן באַגערט —
געקומען איז אויף מיר זיין פרייד
אַ רעגן אויף פאַרשמאַכטער ערד.

מאַמעס פרייד איז גאַסן־פרייד.
און ווייל איך בין געליבטע בלויז
מוז יעדער סוד פון ליבעס־נעכט
פאַרטיליקט ווערן נאָך אין שויס.

צוקט אין דאָפּלט־טיפער ווונד
דאָס פאַרשעמטע ליב —
וואָס קאָן דערוואַרטן דען אַ קינד
ביי אַ ניט־געזעצלעך ווייב?...

(נ״נאונדר״פיק)

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

געלויטערטע שעהן

	זייט
צו דיר	3
לייטער מיך	4
אין דיין בליק	5
אין לבנה־ליכט	6
מיין נאַכטיקע תפילה	7
קרישמע	8

ווייסער טרויער

איך האָב דערקענט	11
גליקזעליקייט	12
אין דערוואַרטונג	13
אַליין	14
מיט אָפענע אויגן	15
אַש	16
מיין וויג־ליד	17

שטימונגען

	זייט
איך האָב געוואָרט	21
טאָג־נאָך־טאָג	22
מיין אָרים, אָרים האַרץ	23
אין פאָלקס־טאָן	24
ווי גוט צו פאַרגעסן	25
ווינטער	26
ביי אַ וואַסער	27
עס וויינט דער ווינט	28
מיינע טרוימען	29
מיין ניט דערזונגען ליד	30
ווידער־קול	31

דער סוד פון דער זי

איך בין די זי	35
ווען איך זינגען	36
אין שפעטער שעה	38
מיידל־מוטער	39